STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05916

LIDER

Zalman Okun

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן אָקון

לידער

ארויסגעגעבען פון מינסקער ברענטש 451
ארבייטער רינג
נוארק, ניו דזשוירזי
1927

אפ־טאון פרינטינג קאמפאני, 249 וועסט קיני סטריט.

עס טרעפט אַמאָל

עס טרעפט אַמאָל
איך זעה אַ חלום שפּעט ביינאַכט:—
עס האט מיר ליבע ווער געבראַכט
צי ס'איז צו מיר אין הויז
אַ גרויסער גאַסט —
דער נביא אָנגעקומען,
צי האט מיין גאָרטען פלוצלינג זיך
צעוואַקסען פול אין בלומען;
נור ווען איך כאַפּ זיך אויף —
ווערט אומעטיג אַזוי
און באַנג אזוי אזוי און וויי...

דער נביא ניט געקומען,
אין גאָרטען ניט קיין בלומען
און אין דער טיפער נאַכט
האָט קיינער מיר קיין ליבע ניט געבראַכט.

דאָך וואַרט איך אַ חלום זאָל קומען אַ נייער
דורך נאַכטיגען ווינט — —
עס איז מיר אויך טייער
דאס גליק, וועלכער רייצט זיך מיט מיר
און פאַרשווינדט...

אַהיים

דו קומסט צו גיין אהיים, ביזט פון דיין ארבייט מיד,
דאַך ווערסטו מונטער באַלד און מורמעלסט שטיל אַ ליד;
דיין פרוי באגעגענט דיך און שמייכעלט ליבליך צו;
דו פילסט ביזט אין דער היים אין וואַרעמקייט און רוה.

דער טיש איז צוגעגרייט, דיין שטול איז אויבענאַן
די קינדערלאך ארום — דיין לאנד, דיין פאלק, דיין טראָן;
פאַרגעסט דו ביזט אַ שקלאַף דעם גאנצען טאג געווען —
עס האט א נס פאַסירט, עס האט א נס געשעהן.

און וואס דעם גאנצען טאג ס'האָט אין דיין „לאנד" פאַסירט
די מאַמע דיר דערציילט — זי האט דיין לאנד געפירט;
„דער איז געוועזען גוט, דער איז געוועזען שלעכט"
דו הערסט אַ יעדען אויס און פסק'ענסט ווער גערעכט;

דאס קלענסטע קינד דו נעמסט ארויף צו דיר אין שויס
און איז געוועזן עס שלעכט — דו קושט עס סיי ווי הייס
און שטראפסט דערביי עס מילד און שטראפסט דערביי
עס ווייך —
דו ביזט טאַקי אַ האַר, אַ פאטער אָבער אויך

דו נעמסט דיין צייטונג דאַן און לעזט וואָס דיר געפעלט,
דו ווייסט שוין באַלד גענוי וואָס טוט זיך אויף דער וועלט;
עס איז דאָ נייעס גענוג, אויך פרייד און צער פאַראַן,
דו פילסט מיט יעדען מיט — און נעמסט זיך צום ראָמאַן;

דיין פרוי באַמערקט עס גלייך, זי לאָזט אָפּ די געשיר,
זי כאַפּט אַ קוק אויף זיך און זעצט זיך לעבען דיר,
זי הערט זיך ערנסט איין, דו לייענסט און דיר דאַכט
דיין פרוי האָט פּלוצלינג זיך אין ווייטען ווייט פאַרטראַכט.

אַלע דריי.

איהר װעט מיר ניט גלויבען —
דאָך איז עס אזוי;
איך האב זיך פארליבט,
אין מיידעלעך צװיי;

מיט אויגעלאך בלויע
און גאָלדענע האָר
און ביידע זיי זיינען —
אויך שװעסטער א פּאָר;

זיי ביידע מיך ציהען
מיט קינדערשער מאַכט,
און ביידען זיי קוש איך
א יעדען פארנאכט;

איהר װעט מיר ניט גלויבען
דאָך איז עס אזוי:
זיי ליבען מיר ביידע,
די מיידעלאך צװיי;

זיי ביידע עװאַרטען
מיך יעדען פאַרנאַכט
און קוש איך דער ערשטער —
די צװייטע גאָר לאַכט.

און ס׳טרעפט אַמאָל ביידען
איך נעם אויפ׳ן שויס —
ווי לוסטיג מיר לאַכען,
די פרייד אזוי גרויס!

די מיידעלאך׳ס מאַמע,
זי שמייכעלט דערביי —
איך זאָג איך אַ סוד אוים; — — —
איך ליב אַלע דריי...

איך ליב אַ שײנע מײדעלע.

איך ליב אַ שײנע מײדעלע,
אַ טײערע װי גאָלד —
האָט אָבער דער זעלביגער
אױך מײן חבר האָלט;

ברענג איך אַ מתנה איהר —
ברענגט מײן חבר צװײ;
רוף איך איהר מײן טײערע,
טהוט ער אױך אַזױ;

ליבען מיר דער מײדעלע
בײדע אָהן אַ שיעור —
האָבען מיר באַשלאָסען זיך
ענדליך פרעגען איהר;

װעמען ליבט זי האַרציגער,
װעמען ליבט זי מעהר,—
װעמען זי אַלײן באַשליסט,
דער גליקליכער איז דער.

פרעגען מיר דער מײדעלע
בײדע מיט אַ מאָל —
שמײכעלט זי צו יעדערען
לאַכט זי אױפ'ן קול;

זאָג איך, חבר, ווייסטו וואָס?
ביזט דאָך ניט קיין נאַר —
לאָמיר ליבען ביידע איהר,
וועט זי אונז דערפאַר;

שמייכלען מעהר און האַרציגער,
וואַרמען מיט איהר בליק,
וועלען מיר זיך באדען דאַן
אַלע דריי אין גליק;

ס'איז דער פּלאַן א טייערער,
האַלטען מיר עם אָן — — — —
פּאַפּע, מאַמע פרייען זיך,
און דאָס קינד קוועלט אָן.

דו זאָגסט מיר ניט...

דו זאָגסט מיר ניט,
נאר איך פארשטעה —
און ס'טוט דיין שוויגען
טיף מיר וועה;

דו זאָגסט מיר ניט:—
נאר וואלסט געוואלט:
אַ פּאַלאַץ שיין
דורכאוים געהאַקט אין מירמעל שטיין,
און פּערל, ריינע אויף דיין האַלז,
און קליידער פונ'ם דינסטען זייד
און גאָלד געשטרייפטע טעפּיכער
באַטרעטען זאָלען דיינע פּיס,
אין בלומען-פרישער אַראָמאַט
פון יעדען ווינקעל דופטען זאָל,
און איך אַ פּרינץ זאל שטיין פאר דיר
און זיין געגרייט צו דיין פערלאנג,
און זיין אין הויז עס זאָל ביי אונז
דער גאַסט פון גליק דער איינציג גאסט;

דו זאָגסט מיר ניט,
נאר איך פארשטיי
און ווייס דעם סוד,
דאָס מער ווי „זיי״
די רייכע דארט די מיאוס׳ע —
דאָס וואָלט צו דיר, צו דיר געפּאַסט.

דו זאָגסט מיר ניט,
נאר איך פארשטיי
און ס׳טוט דיין שווייגען
טיף מיר וויי...

לאָז מיך אוים פון דיינע טרוימען

לאָז מיך אוים פון דיינע טרוימען —
איך בין זיי ניט ווערט —
כ'האָב דאָך דיינע שענסטע טרוימען
ביז אַהער צעשטערט;

זעסטו דאָך איך קען ניט בויען
וואָס דיין האַרץ געלוסט,
ווי זשע קענסטו ווייטער טרויען
מיר דיין הייסע לוסט;

לאָז מיך אוים פון דיינע טרוימען,
נאָר געדענק דערביי —
אַז ביי מיר נאָך טיף אין האַרצען
בלייבסטו סיי ווי סיי.

אַ קינד

אין ווינקעלע געשטאַנען איז
אַ מיידעלע פאַרטרערט:
ווי טאַטע מאַמע קריגען זיך
זי האט זיך איינגעהערט; —

וואס קריגען זיך די טייערע —
זי וואונדערט זיך זי שטוינט —
דער פאַפּאַ שרייט און בייזערט זיך,
די מאַמע דאכט זיך וויינט;

דער פאַפּאַ שרייט און בייזערט זיך
און העכער ווערט זיין טאָן —
„איך וועל אוועק גיין פון דער היים״ —
ער זאגט מיט כעס אָן

דאס מיידעלע פאַרטראַגט עס ניט,
דאס הערצעלע איהר נאָגט —
זי גייט צום פאַפּאַ׳ן שטילערהייד
און בעטענדיג זי זאגט;

וואוהין די גייסט אַ פאַפּעניו,
אונז לאָזען זאָלסטו ניט — —
מיר און מיין גוטער מאַמעניו
דו זאָלסט אויך נעמען מיט...

אַוועק אין סקול.

אַוועק אין סקול מיין סאָפּיעלע
איז היינט צום ערשטען מאָל —
די פריילע טעג די זאָרגלאָזע
פארשוואונדען מיט אַמאָל;

די פריילע טעג די זאָרגלאָזע
זיי קומען ניט צוריק,
עס האָט געקלאַפּט איהר הערצעלע —
שרעקעדיג טיק, טיק;

פינף יאהר געוואָרען סאָפּיעלען;
איצט וועט זי גוט פארשטיין:
דאס לעבען איז קיין שפּילכעלע,
וואס פליסט זיך רוהיג שיין;

דאס לעבען איז קיין שפּילכעלע
און איז פון גליק נאָך ווייט —
זי וועט אין ביכער לערנען עס —
און מעהר נאָך — פון דער צייט.

דער מײַנער.

ער גייט מיט א גרויסען לאַנטערן,
ווייל אימער פאר איהם הערשט די נאַכט;
זיין אויער איז שטענדיג געלאדען:
צי פאלט עפּיס וואו צי עס קראַכט;

זיין האנד לאָזט זיך מוטיג ארונטער,
זיין טראט נור א זיכערקייט פעהלט,
זיין אויג צו דער שווארצקייט געווידמעט,
זיין הארץ — צו דער ליכטיגער וועלט;

ער גראבט זיך אַלץ טיפער און טיפער
און שיקט אונז בריליאַנטען ארויף;
ער קוקט זיך אַרום ווי א גנב
צו כאַפּט זיך זיין קרבן ניט אויף;

און טרעפט, אַז די ערד גיט אַ ציטער
פון מענשליכער חוצפּה געשטערט — —
פארשלינגט זי דעם מײַנער — און שפּעטער
אַ שביין פון זיין קערפּער אויך ווערט...

אויפ׳ן סקעפּאַלד.

שטייט אינדערהויך אויפ׳ן סקעפּאַלד אַ פּיינטער,
און פאַרבט אין קאָלירען אַ וואַנט;
עס וויגט זיך זיין סקעפּאַלד, עס ציטערט זיין באָדען —
דער פּיינטער דאָך פאַרבט נאָכאַנאַנד;

ער פּוצט און ער גלעט און ער צערטעלט דעם מויער,
ווי ס׳צערטעלט אַ מאַמע איהר קינד,
און טיף אין זיין הארצען בעהאַלטען איז טרויער
און שרעק פאר׳ן שטיפערשען ווינד;

דער ווינטעל אַ שטילער אַ רוהיג נאַאיווער
אַ פרייער פון קיינעם געשטערט —
ער האט אין זיין לעבען געפערליכע זאַכען
פון סקעפּאַלד געזעהן און געהערט;

און ס׳קען ניט פאַרגעסען דער ווינטעל דער גוטער
די קרעכצען פון ביטערען ווייי
און אימערצו טראגט ער די קלאַנגען אויף פליגלען
און ברייגנט זיי צום פּיינטער אַזוי;

דער פּיינטער ער וויל אָט די קלאַנגען ניט הערען
ער ווייס וואס א יעדער בעדייט,
נאָר העכער און העכער עס קלינגט איהם א שטימע — —
זיין חבר אַמאָליגער שרייט

געוועזן איז דער פיינטער דערמאנט זיך דעם אומגליק —
אַ הייסע אַ ברענענדע שעה,
קיין וואָלקען אין הימעל, קיין שאָטען, קיין ווינטעל —
קיין כחות אויך באַלד שוין ניטאָ;

זיי שטייען צוזאַמען און פאַרבען אַ מויער
אין ווייס און אין שוואַרץ און אין גרעי
און ביידע זיי שווייגען — און פלוצלינג דערהערט ער
זיין חבר׳ס פאַרצווייפעלט געשריי;

אַראָפּ איז געפלויגען זיין חבר מיט אימפּעט
און דאַן, וואס האט ווייטער געשעהן,
ער ווייס ניט, געדענקט ניט,— ער האט שוין זיין חבר
אין לעבען מעהר קיינמאָל געזעהן.

און ס׳דאַכט זיך דעם פיינטער עס קומען פון קבר
אין רויטע תכריכים ארוים
חברים, בעקאַנטע; זיי ברומען זיי זשומען;
ער הערט זייער ביינער גערויש;

זיי שטייען אין רייען, אין רייען געדיכטע
און ס׳נעמט דורך דעם פיינטער אַ קעלט — —
באַמערקט האט ער דאַרטען די רייע די לעצטע,
אַז דאַרטען אַ פיינטער נאָך פעהלט...

צו אַן אַלטען בעקאַנטען

אַנטשולדיגט מיר, מיסטער, אַנטשולדיגט איך בעט אייך—
איך האָב אייך וואו ערגיץ געזעהן:
אין ווארשא, אין לעמבערג, צו ערגיץ אין ליטא —
כ׳געדענק ניט שוין לאַנג דאָס געווען;

צו זיינען מיר קינדער נאָך דאַמאָלס געוועזען
און ביידע געשפּילט זיך אין גאַס —
געדענקט איהר אַ אינגעל אַ קליינעם אַ דאַרען
וואָס אימער געוועזען איז בלאַס?

צי האָבען מיר ביידע צוזאַמען געלערענט
אין חדר ביים אַלטען ר׳ הערץ —
געדענקט איהר דער רבי פּלעגט טייטשען אַ פּסוק
און אימער געגעבען אַ קרעכץ;

מיר האָבען דאַן קינדער דעם סוד ניט פאַרשטאַנען,
בעגרייפען געקאָנט ניט דעם וויי,
געמיינט ס׳איז פון פּסוק די טיפע באַדייטונג —
און אויכ׳ט געקרעכצט אַזוי;

צו האָבען מיר ביידע ביי נחום דעם שניידער
דעם גרעסטען אין שטעטעל גענייט —
געדענקט איהר, ר׳ נחום געווען איז אַ קינסטלער —
נור אימער געפעהלט האָט איהם ברויט;

אַ קינסטלער געוועזען און אויסגעוועזן וועלטען —
אַמאָל דאָך געווען אַ סאָלדאַט —
דאס שטעטעל אַ קליינע, ניטאָ קיין מבינים —
און אפשר קיין מזל געהאט;

צי האב איך אייך ערגיץ אין וואַלד וואו באַגעגענט
אין יענע די שרעקליכע טעג,
ציביידע צוזאַמען געשמיטע אין קייטען
מיר זיינען געגאנגען אין וועג;

און דאן אין די טיפע אין קאַלטע מדבריות
דורך לאַנגער און ענדלאָזער נאַכט
מיר האבען חלומות צוזאַמען געשפונען
פון בעסערע צייטען געטראַכט;

צו האבען מיר אפשר בעקאַנטשאַפט געשלאָסען
שוין דאָ אין דער גאָלדענער לאַנד,
ווען ביידע מיר האָבען אַ טיטעל בעקומען
א יעדער ז'געווארען אַ האנד

צי זיינען מיר ביידע אין רייע געשטאַנען
ווען ארבייט מיר האבען געזוכט —
און ביידע אַנטווישטע אהיים דאַן געגאַנגען —
די ביטערע צייטען געפלוכט;

געפלוכט און געשאָלטען די ביטערע צייטען —
וואס זיינען זיי שולדיג געווען;
דערמאַנט זיך, דערמאַנט זיך, ווען האבען אין לעבען
מיר בעסערע צייטען געזעהן?...

אין יענער נאַכט

1

די נאַכט אַזוי רוהיג און שטיל
און שטערען דעם הימעל בעצירען —
צו ווייסען די שטערען צו ניט,
וואָס באַלד אויף דער ערד וועט פּאַסירען?

די שטערען זיי פינקלען אַראָפּ
אין אונשולד נאַאיווען און ריינעם —
צו זיינען זיי זיכער עס וועדט
איצט אַ זינד ניט בעגאַנגען פון קיינעם?

צו וועלען זיי שיינען, ווען גרויט
וועט קין דעם מעסער שוין האַלטען,
אָדער זיי וועלען פאַרשעמט
זיך טיף אין אַ וואָלקען בעהאַלטען? — —

2

ס'איז מיילען ווייט פון דיר,
דאָך פילסטו יעדען שאָרך און יעדען ריהר
און יעדע הארצען קלאַפּ
און יעדען ציין געקריץ,
און אין דיין יעדען פינגער שפּיץ

דו פילסט דעם גרויל,
דעם שוידער און דעם שרעק
פון די וואס גייען באלד
געזעצליך דורך אַ מערדער האַנט
אין טויטער וועלט אַוועק.

3

נו, זאָגט מיר איצט:
צי זענט איהר זאַט
צי האָט איהר שוין געשטילט אין זיך
דעם ווילדען דורשט
נאָך זודיג בלוט
ווען איהר האט עס פון יונגע לעבענס צוויי
אין פולער מאָס
ארויסגעזויגען

און ווען איהר האט א כוס־צו־כוס
געקלאַפט
לכבוד אייער גרויסען זיג
און מיט נבלה פלייש
געגוג זיך אָנגעזעטיגט
צי איז שוין אויך דערביי
אויך אייער שרעק פאַרביי
די שרעק וואס קוקט ארויס פון אייך
דורך טויזענט אויגען.

פון מיין שטעטעל

איך געדענק איהר מיין שטעטעל
מיין היים פון אַמאָל:
זי ליגט אין אַ טיפען
אַ פינסטערן טאָל;

איהר הימעל א גרויער
און קיינמאָל ניט ריין
און שרעקט אַלע ווײַלע
די הייזעלאך קליין;

און טרעפט עס באַווייזט זיך
אין שטעטעל די זון —
די מענשען זיי מאַכען
קיין וועזען דערפון:

די מענשען זיי זיינען
אין האַנדעל פאַרטאָן —
וואס דארפען זיי שטראהלען,
וואס גייט עס זיי אָן.

דארט האנדעלט ר׳ נחום
מיט זוימען און וואָל —
און קען ניט באַצאָלען
די חובות צו מאָל;

צוויי טעכטער שוין גרויסע —
ניטאָ קיין נדן,—
דאָך גלויבט ער אין הימעל
אַ גאָט איז פאַראַן;

דארט לערענט ר׳ איטשע
מיט קינדערלאך דריי;
בראשית פון אנפאנג
און — קרעכצעט דערביי;

די קינדערלאך אויך׳ט
זיי קרעכצען מיט ווערה
זיי מיינען דער טייטש איז
פון פסוק אזוי.

אָט אַזוי איך געדענק איהר
מיין היים פון אַמאָל.
איצט שרייבט מיר מיין ברודער:
„פארשוואונדען דער טאָל;

דער רבי — אַ נייער
די קינדערלאך — אויך,
דער נגון — א פרייער
און קלינגט אַזוי הויך

דער הימעל אַ בלויער
און ציימענווייז ריין —
צו פארשטיין עס גענויער
מוזטו זיין דאַ אַליין״.

רויזען בלומען

(געווידמעט דעם ארבייטער רינג)

צווישען ווילדע גראָזען
אין אַ טיפען טהאָל
האָבען רויזען בלומען
זיך געצייגט אמאָל;

קיינער האט די בלומען
ניט געזייט, געפלאנצט —
ס'האָבען שטורם־ווינטען
דאָן ארומגעטאַנצט;

האט דער ווינט מסתמא
דורך א לאנגער נאַכט
קערנדלאך געקליבען
און אין טאָל געבראכט;

קערנדלאך פון ליידען
קערנדלאך פון נויט —
און געזייט די בלומען
און געפארבט זיי רויט;

רויזען בלומען דופטען,
רויטע זיינען שיין —
האָט דער טאל באַקומען
באַלד אַ צויבער חן;

ביז פון טאָל געוואָרען
איז אַ בלומען וואַלד
און געקלונגען האבען
פויגעל לידער באַלד;

זינגען פויגעל לידער
הערט דער מענש זיך צו —
און דער ארבייטס מידער
קומט דאָרט זוכען רוה.

צו אַ ברודער.

ס'איז דיין ארבייט שווער
אויפ'ן סקעפּאָלד הויך —
קום זשע קום אַהער
ברודער שוואַך און בלייך;

לאָז דיין בראָש אין „פּאַט"
און דיין לייטער שטיין,
פרעג צו ביסטו זאַט
מיט דיין אַרבייטס לוין;

צי דיין פרוי און קינד
איז באַשוכט, באַקלייט —
ס'איז דיין צייט אַצינד,
זעה דער ווינטער גייט;

ס'איז דיר קריגען שווער
אַלץ וואס דיר געהערט —
נאך אַ דאלאר מעהר
זאָל כאָטש זיין דיין ווערט

ניט קיין בלומען דופט
נור פון בליי און צין
„סוירפּים" און בענזין —
אַטעמסט איין די לופט

איז דיין לונגען שוואַך
קוים און קוים זיך האלט,
ס׳נעמט דיר צייט קיין סך —
ווערסט אַ יונגער אַלט

דיינע יאהרען וואו?
ברודער, צו פארשטייסט;
נאָך אַ שטונדע רוה,
וואָלט דיר זיין אַ טרייסט...

צו א קראנקען פריינד

(דעם ארבייטער רינג סאַניטאַריום געווידמעט)

און האָסטו אַלס לוין פאר דיין ארבייט באַקומען
די ווייסע די שרעקליכע פלאג;
דו פילסט דיינע כחות זיי גייען דיר אוים
מיט יעטווידען איינציגען טאג;

דו וואנדערסט ארום אַליין אין די גאסען
פון טייפעל פון בייזען באַגלייט,
און ס'מיידען דיר אוים חברים בעקאנטע
אין שרעק פאַר'ן שאָטען פון טויט — —

דו זיי ניט געפאַלען מיין ארעמער ברודער:
דו האָסט זיך אַ היים אָנגעגרייט;

דארט גלעטען דיר צערטליכע הענט און געטרייע
און לינדערן אוים דיר דיין וויי
און קוקען מיט ליבשאפט דיר טיעף אין די אויגען
און היילען דיין וואונד דיר אזוי;

און זוניגע שטראהלען און דופטיגע ריחות
זיי נעמען דיר צערטליך ארום
און וואס דו פארלאָרען האָסט אין די פאַבריקען —
זיי קערען מיט ליבע דיר אום;

און דארפסט זיך ניט קניען צו רייכע צו גוטע
און שמערצענדער מאַכען דיין נויט —
דו ביזט ניט קיין בעטלער, דו דארפסט קיין נדבות
דו האָסט זיך א היים אָנגעגרייט.

דער בוים

(געווידמעט דער קאַרפּענטער יוניאָן)

אויף אַ פעלד א וויסטען אין א טיפער נאכט
האָט אַמאָל אַ גערטנער האק און לאָם געבראכט
און אַ קליינעם צווייגעל שוואך און אויסגעדארט;

און גענומען גראָבען אין דער לענג און ברייט
ניט געמערקט דעם הונגער ניט געמערקט די נויט —
ביז ער האט דאס צווייגעל טיף אין ד'רערד פאַרזעעט;

באַלד גענומען שפּראָצען פול מיט פראכט און חן
האט אַ גרינער בוימעל פריער שוואך און קליין
ביז עס איז געווארען הויך און שטאַרק און שיין;

האט דאס בוימעל אָפּטמאָל פון זיך איינגעצערט
האט איהם דאן דער גערטנער מיט זיין שוויים גענערט
און די שלעכטע ווערים פון ארום צעשטערט;

איצטער שטייט א דעמבע אויפ'ן זעלבען פעלד
זיינע צווייגען גרייכען אין דער פרייער וועלט
און ער שיצט דעם גערטנער סיי פון היץ און קעלט.

צו האָסטו ?

היים איז אין דרויסען,
קיין לופט און קיין ווינט —
נאך הייסער געווים
איז ביים אויוועז אצינד;

דו שטייסט אויף באַגינען:
עס ליגען שוין גרייט
זעמעלאך פרישע,
געשמאַקפולער ברויט;

זיי שטילען דיין הונגער
נאך רוהיגער נאכט —
צי האָסטו דערביי זיך
אָן ווענען פארטראכט?

אויפ׳ן סקעפאָלד

ווען איך שטעה הויך אויפ׳ן סקעפאָלד,
זעה איך נור אַ דיקען רויך,
און מיין חבר, ווי אַ שאָטען,
וואַרטלאָז, שטום און בלייך.

און דער ווינד טרויט אָן מיר סודות,
דערצעלט מיר מעשיות פיל
פון פארשפילטע יונגע לעבענס
אין׳ם גרויזאַם סקעפאָלד־שפיל;

און מיר דוכט, איך הער די שטימען,
ווי פון קבר קומען זיי;
ווי פון קבר הער איך דייטליך
אַ פערצווייפעלטען געשריי;

און עס דוכט מיר, איך בין איינער,
וואָס פאַרקראָכען איז שוין וויט —
אָה, עס ווילט זיך ניט פארלירען
אזוי יונג דעם לעבענס־שטרייט!

די בלום

(געווידמעט דער פיינטער יוניאָן)

ס׳איז פינסטער געווען
און בלאָטיג אין טאָל;
פון ליכט און פון שטראהלען
קיין פונקען צומאָל — —
ווען ס׳האט דארט אַ בלימעל
געציינט זיך אַמאָל.

האָט אימיצער טרערען
אין טאָל וואו געשפריים;
צי האט ווער אַ טראָפּען
פון בלוט דארט פארזעעט — — —
אַרוים איז די בלימעל
אין פאַרבען פון רויט.

באַלד איז פון דעם בלימעל
געווארען אַ בלום;
האט דופטיגע ריחות
געוועבט ווייט ארום
און האָפנונגס שטראהלען
געשפרייט אומעטום.

און רויטער די בלום ווערט,
און שטארקער איהר דופט,
און פרישער און ריינער
אין טאָל ווערט די לופט;
צו זיך אַלע מידע
זי ציהט און זי רופט.

זי רופט אַלע מידע
צו זיך אין געצעלט
פערניכטען דעם טאָל
און בעשאפען אַ וועלט
פון בלומען און ריחות
באַהעפט און באַזעלט.

דער ערשטער גרוס

דו קומסט פון מיין שטעטעל וואו איך בין געבוירען —
נו ברודער דערצעהל וואס פון איהר איז געווארען;
דערצעהל מיר, איך בעט דיר, דערצעהל מיר פון אַלעס,
דערצעהל מיר די מעשים פון טויט און פון דלות,

דערצעהל מיר צו פליסט נאך צווישען די ברעגען
דאס טייכעל און שמייכעלט צום הימעל אַנטקעגען
אָדער זי יאָגט זיך מיט אימפעט מיט שווערען
און ס׳יאָגען איהר שטראמען פון בלוט און פון טרערען;

באַזוכט ווען אַ פויגעל אַמאָל דאָרט די גאַסען
אָדער דער טייפעל שפּאַצירט דארט געלאסען
און ס׳טראגט זיך פון ווייטען זיין טייפלישער לאכען
און ס׳וואָגט ניט קיין איינער אַ פענסטער אויפמאַכען.

דערצעהל מיר וואָס טוען די שטעטלשע טעכטער,
צו קלינגט נאָך אַמאָל זייער זיסער געלעכטער,
אָדער זיי ליגען פארשעמטע בעהאַלטען
און טוליען אין שרעק זיך אין ווינקעל אין קאַלטען;

דערצעהל מיר וואס טוען די קינדערלאך קליינע,
צו לאַכען זיי מונטער די אונשולדיג ריינע,
צו טראגט זייער לערנען זיך הויך פונ׳ם חדר,
אָדער זיי בעטען און וויינען כסדר.

וואס שווייגסטו, זאָג ברודער, וואס האָלסטו געבויגען
דיין קאָפּ און די ליפּען צוזאַמענגעצויגען;
וואָס דריקט אויף דיין הארצען מיט טרויער מיט שווערען
צי ווילסט מיט שווייגען מיר אַלעם דערקלערען

צי ווילסטו נעמען קיין טויטע דערמאנען
איך זאל ניט אין זיי מיינע ליבסטע דערקאנען:
דערצעהל מיר, איך בעט דיר, דערצעהל, איך וועל הערען
און וועל אין זיך שטיקען די בלוטיגע טרערען.

זיי וועגען און זיי מעסטען...

זיי וועגען און זיי מעסטען
א יעדען ווייגעשריי,
וואס קומט צו אונז פון ווייטען
פול פיין און טיפען וויי;

די ליידען און די קרעכצען
פון א גאנצען דור
זיי פּרואווען אוים ווי טענער
פון אַ זינגער כאָר —

און קענען ניט באַגרייפען
און קענען ניט פארשטיין:
וועמעס קרעכצען טיפער,
וועמעס ליידען ריין;

זיי וועגען און זיי מעסטען
אַ יעדען ווייגעשריי —
און מעסטענדיג פארגעסען,
פאַרגעסען זיי אָן זיי,

וואס ליגען אויף די פעלדער
הונגעריג פארשמאַכט
און קרעכצען אוים די ווייען
דורך אַ לאַנגער נאַכט;

און דערווייל דער הונגער
זעטיגט זיך אין נויט,
טראגט זיך אַ געלעכטער
פונ׳ם הונגער טויט;

ווען דער טויט שוין האבען
אָפּגעטאָן זיין שפּיל
און די קרעכצען ווייען
וועלען ווערען שטיל —

וועלען מיר דאן וויסען
וואָס און מאָס געננוי — —
וועלכע קרעכצען טיפער
צי פון איד צי גוי...

דאָרטען און דאָ

דאָרטען אויף די וועגען
בלאָנדזשען זיי און וואָגלען
מידע, איינגעבויגען,
שרעק פול אין די אויגען
אונטער שניי און רעגען;

קליינע קינדער קלאגען,
שוואכע קראנקע פאלען,
בייזע ווינטען יאָגען —
און קיין שוואַכע שטראהלען
ווען ועט נעמען טאגען; —

דאָ מיר זיינען גוטע,
קלוגע און פארשטייען
יענעמס טיפע ווייען
און אין זייער ליידען
העלפען זיי מיר גייען;

נעמען מיר א שיינעם
האָל און אַ געראמען
מאַכען מיר א קאָנצערט
מיט אַ באָל צוזאמען;

טאַנצען מיר זיך לוסטיג
און די פידלען שפּילען —
אַ מיר קענען טיפער
זייער ליידען פילען;

רייכע מוזיק קלאַנגען
טראָגט דער ווינד אריבער,
גיט די בשורה איבער
אַז אין זייערע ווייען
העלפען זיי מיר גייען;

איז דער באַל געענדיגט,
אַלעם צוגעקליבען,
מאַכען מיר אַ חשבון
וואס פאר זיי געבליבען — — —

אַך עס איז א יקרות,
אַלעם איז בראַנד פייער,
וויין און בלומען — טייער,
נור קיין זאַך געבליבען
זיי דעם הונגער שטילען;

גוט איז אונזער ווילען,
ריין אונזער געוויסען — — —
און אַ באַל א צווייטען
„לויפען" מיר באַשליסען.

אַ גרוס.

אַרוים איז אַ זיפּץ
פון א שטארבענדער ברוסט
אין א שטורמישער נאכט
אויף אַ בלוטיגען פעלד;

האט דער ווינט אָט דעם זיפּץ
אויף די פליגלען געכאַפּט
און ער טראגט זיך אַרום
ווייט מיט איהם אויף דער וועלט — — —

ערגיץ וואו איינ־אַליין
אין אַ שפּעטיגער נאכט
שלאָפט אַ מאַמע ניט איין
און זי טראכט און זי טראכט

פון איהר אייציגען זוהן
ערגיץ ווייט אין דער וועלט — — —
וואלט דער ווינט כאָטש אַמאָל
אַ גרוס איהר געבראכט! —

קלאַפּט אין פענסטער איהר אָן
יענער בלאָנדזשענדער ווינט
מיט׳ן זיפּץ מיט׳ן קרעכץ —
הערט די מאַמע זיך צו:

דאַכט זיך, דאַכט זיך זי הערט
אַ געריס פון איהר קינד —
און איהר מוטערליך האַרץ
האָט נאך וויניגער רוה...

מיר ליבען בשותפות

מיר ליבען בשותפות אַ מיידעל,
מיר קניען זיך ביידע פאַר איהר:
מיין חבר—ער ליבט איהר מיט פייער,
און איך בין באצויבערט אָן שיעור;

מיין חבר—ער קושט איהרע ליפען,
איך גלעט איהר זיידענע האָר
און ביידע מיר זיינען צופרידען,
קיין סימן פון אויפערזוכט גאר;

מיין חבר—ער קויפט איהר א רינגעל,
איך טהו עס איהר אָן אויפ׳ן האַנד,
און אלע מיר דרייען פארשווינדען
אין ליבע׳ס פאַנטאַסטישעס לאַנד.

און ביידען אונז ליבט זי, די מיידעל,
און ביידען פארשאַפט זי אונז גליק;
מיר שענקט זי אַ שמייכעל אַ ליבען,
מיין חבר—אַ האַרציגען בליק;

און ווערט זי באַגייסטערט פון ליבע
דאַן נעמט זי אונז ביידען ארום...
מיר זינגען א לידעל צוזאַמען
און אַלע מיר דרעהען זיך אום.

ניט רוף עס זינד

ניט רוף עס זינד, מיין פריינד,
ווען שטאַרקער קלאַפּט דיין האַרץ
און קאָנוואולסיוו
דיין קערפּער צאַפּעלט זיך אין בעט
און גאַרט באַהעפטונג מיט
אַ צווייטען, פונקט ווי דו
אין שטילער נאַכט און רו.

ניט רוף עס זינד.

צו זינדיקט דען דאָס בלימעלע אין פעלד,
ווען פאַרן מאָרגען טוי
זי עפענט איהרע קנאָספען פריי
און אָטעמט איין דערביי
דעם דופט געשאַנק,
דעם ריח פון אַ חבר בלום
וואָס ס'טראָגט צו איהר
פון ערגעץ ווייט דער ווינט?

און ווען דו הערסט
דעם פויגעלס האַרציג ליד,
און בענקשאַפט פול מיט וויי
עס שלאָגט ארוים אַזוי
פון זיין יעדע גליד, —

צו זינדיגט דען דער פויגעל אויך דערמיט
ווען אזוי האַרציג זים
ער רופט די „זי" פון צווייטען שטייג
כדי אויף אייביג לאַנג
זאָל קלינגען הויך
דאָס פויגעל ליד?

ניט רוף עס זינד.

ווען שטאַרקער קלאַפט דיין האַרץ
און קאָנוואולסיוו
דיין קערפּער צאַפּעלט זיך אין בעט
און זודיק בלוט
דיר רוישט אין קאָפּ —
דו זוכסט אַן אויסוועג דאַן
צו אויפהאַלטען דיין איך
וואָס שטאַרבט מיט יעדער ווייל
מיט יעדער רגע אָפּ.

און זינדיקט דען די זון ווען ס'שיינט;
דער פייער — ווען ער ברענט;
דער מאָרגען-טוי ווען מוטערליך
ער פאַלט אויף דאָרשטיק ערד — — —
ניט רוף עס זינד מיין פריינד.
ווייל ווי עס שיינט,
„געזינדיגט" האָט אויך גאָט אמאָל
און „זינדיגט" נאָך ביז היינט.

מיידלאך ווי בלומען.

מיידלאך, ווי בלומען רייצענד און שיין,
זאגט מיר: וואו נעמט איהר דעם צויבער און חן;
אויגען פול כישוף און טרוימען באזעלט —
איך זעה אין זיי דאכט זיך דעם סוד פון דער וועלט

מיידלאך, ווי בלומען אין זומער פארנאכט
רייצענד און ציענד מיט געטליכער מאכט;
הויכער געלעכטער און שטילער געזאנג,
שמייכלען ווי כוואליעס פון זילבערנעם קלאנג;

מיידלאך, ווי בלומען אין זומער פארטאג
אין טוי אויסגעפרישטע... איך שווער אייך... איך זאג;
דאס לעבען וואלט מיאוס און פינסטערער זיין,
ווען איהר וואלט ניט שפרייטען קיין ליכט און קיין שיין...

ניט שלייף דיינע לידער

ניט שלייף דיינע לידער,
ניט ריייניג, ניט פוץ —
רוי ווי פון הארצען זיי קומען —
זיי נוץ;

רוי ווי פון הארצען
באַנעצט מיט דיין בלוט
די וואַרף זיי מיט אימפעט אין פאָלק
און מיט מוט;

און מעג עס זיין ליבע
און מעג עס זיין פיין
צי זינגסטו פון אומעט
צי זינגסטו פון וויין — — —

זיי זיכער דיין ליד
וועט געפינען א פעלד
און שטורמען מיט דיר
וועט די זינגענדע וועלט.

איך געדענק

איך געדענק איהר דאָס מיידעל
מיט העל בלאָנדע האָר
מיט אויגען נאַאיווע
חלומות אַ פּאָר;

זי זיצט ביי דעם פענסטער,
ווען איך גיי פאַרביי —
מיר קוקען זיך איבער
געשמייכלט דערביי!

און טרעפט אויף׳ן בריקעל
באַגעגען איך איהר —
עס קלאַפּט אַזוי מאָדנע
אין הארצען ביי מיר;

זי לאָזט איהרע אויגען
אין טייכעל אַראָפּ
און ס׳שפּיגעלט זיך דארטען
איהר קרויזעלדיג קאָפּ;

זי קוקט פונ׳ם וואַסער
אויף מיר אַזוי ווייך — —
איך געדענק איהר דאס מיידעל —
געדענקט זי מיר אויך?

#ביים ברעג ים

אַט שטיי איך דאָ ביים ברעג פון ים
און קוק אין ווייטען ווייט:
צי איז דאָרט אויך אַ ברעג פאַראַן
און אין דער זעלבער צייט

שטייט דארט אויך אַן אַנדערער
און קוקט אין ווייטען ווייט
און שטרעקט די האנד אויך אויס צו מיר
ווי איך — אין יענעם זייט

און אפשר שטייט מיין שוועסטער דארט
און בענקשאַפט פול — איהר בליק
און פונקט ווי איך זי קוקט אַרויס
אין ווייטען, ווייט אויף גליק

דאן טראגט דער ווינט די בליקען צוויי
פון טיפען צער און פיין — —
און ווארפט זיי וואו אין טיפען ים
אין טיפען ים אריין.

אין ערוואַרטונג

זיץ איך מיר אין פּאַרק אַליין
איינער אויף אַ באַנק —
אין מיין מח פּלאָנטערט זיך,
עגבערט אַ געדאַנק;

טיף אין האַרצען נאָגט אַזוי,
שרעקט אזוי און ציט —
קומען וועט מיין טייערע,
קומען אָדער ניט?

קומען וועט מיין טייערע,
וועט זי האַלטען וואָרט —
כ'האָב פאַר איהר די זודיגסטע
קושען אָפּגעשפּאָרט;

קומען וועט מיין טייערע —
ווייס איך ניט פון פיין,
קומט זי ניט מיין האַרציגע —
וואס וועט דאמאלסט זיין?

טיף אין האַרצען נאָגט אזוי,
קלאַפּט דאָרטען טיק, טיק —
איך וועל אין טרערען באָדען זיך,
אָדער גאָר אין גליק.

לאָמיר

לייג אוועק דיין קאָפּ אויף מיר
מיין געליבטעס קינד —
דרויסען הערשט אַ שרעקליכער,
שטורמדיגער ווינד;

דרויסען האט א פראָסטיג שניי
רוהיג זיך צעשפּרייט
איבער פעלדער, גערטנער
און זיי אפּגעטוויט;

בוימער שטייען נאַקעטע
קוקען פול מיט וויי
און קיין פויגעל זינגען ניט
לאנג שוין לאנג אויף זיי

לייג אוועק דיין קאָפּ אויף מיר,
איך וועל טאָן עס אויך — —
לאָמירביידע פליהען וואו
ערגיץ ווייט און הויך;

לאָמיר ביידע אויסבויען
פאר זיך אַ געצעלט
אין אַ לאנד אַ בעסערער
אין אַ שיינער וועלט.

##ביים ברעג ים

טאָג איין, טאָג אויס,
יאָר איין, יאָר אויס,
יאָר הונדערטער, יאָר טויזענטער
אין אונענדליכער אייביגקייט —
ער שטורמט אַלץ און ווילדעוועט,
ער רוישט אַלץ און ער בושעוועט
דער אַלטער ים דער ריזיגער,
דער סודות פולער ים;

אַט רוגזא׳דיג, אַט שפּילעוודיג,
אַט כעס׳דיג, אַט שמייכלענדיג —
נור אימער קרעפטיג וואוטענדיג
אין שוים און ווייסען ברויזענדיג,
ער וואַרפט זיך אויפ׳ן ברעג;

ער וואַרפט זיך און ער שליידערט זיך
מיט קרעפטען נייע פרישערע;
אַט דאַכט זיך אויס ער שלינגט אַריין
די אונבאַשיצטע ערד;

נאָר אויפ׳ן ברעג זיין רוקען ביין
אויף זאַמד אויף ווייסען פלאכט זיך אוים;
זיין אימפּעט ווערט געלאַסענער,
זיין דינער קלאַנג צעזילבערט זיך,
זיין ווייסער שוים צעבלעזעלט זיך —
ער פאַלט צוריק און אָנמעכטיג
צוריק, צוריק פון ברעג;

יאָר איין, יאָר אוים, יאָר טויזענטער
ער דראָהט די ערד די אָרעמע
מיט ווילדטעניש, פאַרפלייצעניש —
נאָר אימיצער א גרעסערער,
נאָך שטאַרקער און נאָך מעכטיגער
האַלט אָפּ דעם ים דעם ריזיגען,
באַשיצט דעם שטילען ברעג.

א ווינט ביינאַכט

צי האָסטו ווען געהערט אינמיטען נאַכט אַ ווינד? —
אַט ברומט ער ווי אַ לייב, אַט וויינט ער ווי אַ קינד;
אַט קרעכצעט ער און קלאָגט און ס'נעמט דיר דורך זיין
וועה,
באַלד לאַכט ער אינדערהויך דיר שרעקענדיג אַזוי.

אַט קלאַפּט ער אינ'ם דאַך, באַלד קומט ער צו דיין טיר,
די שויבען פון דיין הויז ער טרייסעלט אָן אַ שיעור,
און דורכ'ן קוימען פייפט ער אין דיין הויז אריין,
און דרעהט זיך אום און טאַנצט, און זינגט אַ ליד פון פיין.

און פּלוצלינג ווערט ער שטיל... ער האלט זיין אָטעם צו —
ער שרעקט דיר איצט נאָך מער; פאַרדעכטיג איז זיין רוה;
און ווילענדיג צו ניט, דו שטעלסט דיין אויער אָן —
פארנעמסט אַ שטילען קלאַנג, אַ סודות-פולען טאָן.

אַ סודות-פולען טאָן און דין אַזוי און לאַנג,
ווי אין אַ וויסטער הויז אַ ווייטער ווידער-קלאַנג;
ווי אין אַ טיפען וואַלד אַ דורכפליה פון אַ קויל,
וואָס יאָגט אַ חיה נאָך אין טיפען שרעק און גרויל.

דו הערסט זיך טיפער איין, דו ווילסט דעם סוד דערגיין,
צו איז א תפלה דאָס, אַ שטיל געבעט, געוויין;
צי געהט אַ מענש וואו אוים אין הונגער צי אין קעלט
און שיקט פון הארצען טיף אַ קללה צו דער וועלט.

צו קרעכצט אַ מוטער וואו ביי איהר ערשט געבוירען קינד;
צו שטראָפט א נביא וואו דאָס פאָלק פאַר זיינע זינד...
דו ליגסט אַזוי פאַרגאַפט און קוקסט אין נאַכט אריין,
ביז אומבאַמערקט פאַר זיך דו שלאָפסט אַ מידער איין.

דו שלאָפסט אַ מידער איין. — דאָך יענער צויבער קלאַנג,
ער לאָזט דיר אַלץ ניט אָפּ; ער גרייכט צו דיר נאָך לאַנג;
און ווען די זון געהט אויף; די וועלט צוריק ערוואַכט,
געדענקסטו און דערצעלסט פון ווינד אינמיטען נאַכט.

גליק

ס'איז קיינער דאמאלס ניט געווען
אין הויז ביי מיר,
ווען ס'האט אין טיר
א שארך געטאן ווי פון א זיידען קלייד —
און פלוצלונג האט א פרייד
זיך דורכגעריסען פונ'ם צווייטען זייט
אין הויז אריין
מיט אזא צויבער קראפט
און אזוי בליציג שנעל,
אז ס'האט א שיין געטאן דאס גליק
פאר מיר,
פאר מיין צעוויטיגט זעל;

וואס האט דערנאך פאסירט?
וואס האט דערנאך געשען? —
ניט וויכטיג
אויב א חלום —
טאקי ריכטיג —
נור א חלום איז א שיינער עס געווען.

פּאָעזי

— וואָס איז דאָך פּאָעזי?
קען איך ניט פאַרשטיין: —
אַלץ וואָס קומט פון האַרצען,
צי נור דאָס וואָס איז שיין?

אַלץ וואָס קומט פון האַרצען,
שמערץ און לײַדען אויך? —
אויב אַזוי מיר שטייען
אין פּאָעזי הויך...

דאס טייכעל אין פרילינג

דאס טייכעלע א נייע,
אין ערשטע פרילינגס טעג,
א מונטערע א פרייע,
עס לאָזט זיך ווייט אין וועג;

נאַאיוו און אונדערפאַרען
און זאָרגלאָז ווי א קינד
עס וויים ניט פון געפאַהרען
און שפּילט זיך מיט'ן ווינט.

דאס טייכעל אין זומער

געווען שוין אין ווייטע
פאַרפלאָנטערטע וועגן,
ניט איינמאָל ז'דאס טייכעל
ארוים פון די ברעגען;
איצט שטורמט עס מערער
און ציט צו די הויכען —
ניט אנדערש דעם הימעל
איהם ווילט זיך דערגרייכען;

דאס טייכעל אין הערבסט

דאס טייכעל איז נאָך מונטער
און גייט דעם זעלבען גאנג
און שפּילט זיך לויפענד אונטער
מיט זיין זילבער קלאַנג;

דאָך איז ביים ברעג שוין שטילער —
אַ קאַלטער ווינטעל וויט —
עס איז זיין וואסער קילער —
ער ווייסט עס און פארשטייט.

דאס טייכעל אין ווינטער

דעם הימעל ניט דערגרייכט,
די כחות אָנגעוואָרען,
פאַרשטומט דער זילבער קלאַנג,
די גלידער איינגעפראָרען;

עס יובעלט הויך אַצינד
דער פראָסט, דער אונטערדריקער; —
דער אייזמאַן און דער ווינט
פון טייכעל רייסען שטיקער...

אַליין

ס'איז די מוזע מיין געליבטע
און דער אומעט איז מיין גאָט —
קומען זיי זיך אָפּט צוזאַמען,
איז עס נור צו שאַנד און שפּאָט;

שלעפט מיין ליבסטע מיר אין הימלען
ווייט אַוועק פון וועלט אויף ערד —
קומט דער אומעט נעמט דעם חלום
און פאַרלאַכט איהם און צעשטערט;

ליג איך באַלד אין טיפען אפּגרונד
דוכט זיך מיר איך האב שוין רוה —
נעמט ניט לאנג און מיין געליבטע
ווינקט מיר ווייטער פריילך צו;

און עס וואונדערן זיך אַלע,
קענען קיינער ניט פארשטיין:
קיינמאָל, קיינמאָל צווישען מענשען,
אימער איינזאם און אַליין...

אנמאכט

איך האב געפּרוּווט אין ווערטער בוך
אַ וואָרט אַזאַ אַפּזוכען —
אַ וואָרט, וואָס זאָל אַ קללה זיין
און זאָל מיט צאָרן פלוכען;

א וואָרט, וואָס זאָל מיט שאַרפקייט פון
אַ מעסער שניידען קענען
און זאָל מיט גיפט זיין אָנגעפילט
און זאָל ווי פייער ברענען.

איך וואָלט דאָס וואָרט געשריען הויך
עס זאָל מיט אימפּעט פּאַלען
אויפ׳ן שקר, וואָס רעגירט
דורך זיינע גענעראַלען

און לאָזט ניט צו קיין גליק אויף ד׳ערד
און פירט די וועלט אָהן זינען — —
איך האָב דאָס וואָרט אין ווערטער בוך
דאָך ניט געקענט געפינען;

דאַן האָב באַשלאָסען איך דאָס וואָרט
אַליין דער וועלט צו געבען;
דעם האַס, דעם גיפט, דעם פייער פלאַם
כ׳וועל פון מיין הארצען וועבען;

און כ׳האָב געקליבען האַס און גיפט
אין הארץ פאר לאנגע יארען —
ביז וואַנ׳ מיין הארץ פון צאָרן איז
אַליין פארברענט געוואָרען.

מאָרגען מאָרגען

„מאָרגען‟ „מאָרגען‟ —
הער איך זינגען,
הער איך רעדען,
הער איך קלינגען;

נור איך האב
אַן אויגען פידעל,
שפּילט זי מיר
אַן אַנדער לידעל;

שפּילט אַ לידעל
מיר פון נויט — —
כ׳וויל פאר היינט
אַ שטיקעל ברויט.

איצטער ווייס איך

איצטער ווייס איך, וואס דער ווינט
האָט אַזוי געלאכט
נעכטען שפּעט ביינאַכט; —
איך האב געווארט אויף טאג
און געציילט די שטונדען —
און קיין פייער
האָב איך ניט געצונדען.

ערד ציטערניש

עס האָט די ערד אַ טרייסעל זיך
געגעבען מיט אַמאָל — —
און וואו אַ באַרג געשטאַנען איז —
געוואָרען איז אַ טאָל;

און וואו פאַר מיילען ווייט ארום
ט׳געצויגען זיך אַ וואַלד —
אַ ים אַ גרויסער מעכטיגער
געווילדעוועט האָט באַלד;

און וואו אַ שטאדט אַ ריזיגע
דער מענש האט אויפגעשטעלט —
אַ קבר רוהט אַן איינזאַמער,
נאָר אַ מצבה פעהלט;

און איבער אַלץ מיט פּינקטליכקייט
עס בייט זיך טאג מיט נאַכט;
דער ווינט דער גרויסער חוצפּה׳ניק
ער שוועבט אַרום און לאַכט...

ערגעץ

ערגעץ איז אַ שטערן אויפגעגאנגען,
ערגעץ האט אַ ליכט זיך ווייט צעשפּרייט,
ערגעץ איז אַ נאַכט אין טאָל פאַרזונקען — —
כ׳האָב געזעהן דעם הימעל פייער רויט;

ס׳האָט די רויטקייט זיך געצויגען העכער —
כ׳האָב געמיינט דער פייער קומט אַהער — —
וואס זשע האט אין הימעל דאָרט געטראפען?
אויסגעלאָשען האָט דעם פייער ווער;

ווער האט דאָרט א וואָלקען אָנגעטראגען —
וואָס זשע קלאַפּסטו שטאַרק אַזוי מיין האַרץ —
ערגעץ איז א זון אַראָפּגעפאַלען —
כ׳האָב געזעהן דעם הימעל וויטער שוואַרץ.

א תפלה

דער ווינטער שטייט,
דער ווינטער האלט,
די נאַכט איז גרויס,
דער טאג איז קאַלט;

און גיט די זון
אַ שטיף אַ שפּיל —
האַלט אָן איהר חן
ניט לאַנג ניט פיל;

און קומען ועט
דער זומער וועןְ?
און ט'קומען ער
וועל איך איהם זעהןְ?

וועל איך ניט זיין
פארפרוירען אַלט?
דער ווינטער א
ווי לאנג ער האַלט!

א זאָל כאָטש, גאט
מיר זיין באַשערט
פארדעקט צו זיין
פון פריילינג ערד!

דער נביא

צי האָט ער דער נביא פארגעסען
זיין שליחות צו אונז אויף דער ערד:
צו שמידען אַן אַקער פון שווערד;

צי האָט ער דער נביא פארבלאָנדזשעט
און רופט צו אונז ערגיץ פון ווייט; —
מיר הערען זיין הילפלאָזע שטימע
און ווייסען ניט וואס דאס באַדייט;

צי האט אונז דער נביא פארראטען
פון טייפעל פון בייזען פארנאַרט;
צי ליגט ניט דער נביא אין תפיסה
פון מענשען פון בייזע פארשפאַרט;

וואס איז מיט'ן נביא געווארען
וואס קומט ער צו אונז ניט צוגיין —
צי האט אונז דער נביא פארראטען
צי זיינען מיר שולדיג אַליין?...

בענקשאפט

װען איז זי געבאָרען?
פון װאַנען זי קומט?
איך װײס ניט — איך פרעג איהר,
זי ענטפערט ניט שטומט;

װאס װיל זי די „מאדנע"
װאס איז איהר באגער —
עס ענטפערט מײן אױג
מיט אַ נאַס קאַלטער טרער;

דאָך פיהל איך אַז „עפּעס"
קען קװיקען מײן זעל
און מאַכען פון פינסטער
מײן לעבענס װעג העל — — —

עס קלאַפּט אין מײן הארצען
די בענקשאַפט טיק טיק
און רײצט מיר מיט מעשיות
פון ליבע און גליק...

ביי נאכט.

וואס ציט זיך די נאכט אזא לאנגע,
ווי זי וואלט ניט האבען קיין ברעג;
די רגע'ס — ווי שטונדען און באנגע,
די שטונדען — ווי הערבסטיגע טעג;

וואס ווילען די שאטענס די קרומע,
וואס טאנצען זיי אום אויפ'ן וואנט
בייזע אזעלכע און שטומע
און שרעקען אזוי נאכאנאנד?—

ווער פייפט דארט אזוי אינ'ם קוימען
און ווער קלאפט אין פענסטער און טיר;
ווער בלאנדזשעט דארט אום אין די רוימען
און האט פארבלאנדזשעט צו מיר; — —

שא, ווער האט דארט פייער געצונדען
ביים שכן ביים קראנקען אין הויז
צי קומט דארט ווער היילען די וואונדען
צי גייט א נשמה דארט אויס ? — —

וואָרום?

עס טרעפט, דאָס איך פרעג זיך אַליין
און זוך זיך אָן ענטפער און קלער:
די וועלט איז דאָך פּראַכטיג און שיין —
דאָס לעבען וואָרום אַזוי שווער;

עס זיינען דאָ בלומען גענוג
און פּערל ביים זאַמדיגען ברעג,
דער מענש אַזוי קלוג אַזוי קלוג —
דאָך שפּרייט ער מיט דערנער זיין וועג;

ביים ים אויפ'ן פעלד און אין וואַלד
עס קלינגט נאָך די שטימע פון גאָט —
וואָרום אַזוי טרויריג שאַלט
דאָס ליד פון'ם מענשען אין שטאָט;

דער מענש האָט די הימלען דערגרייכט,
שפּאַצירט אויפ'ן אָפּגרונד פון ים:
זיין אויג — אַזוי שאַרף אַזוי קלוג,
ניטאָ פאַר זיין אויער קיין צאַם; — — —

וואָרום דער געזאַלבטער אַליין —
דער מענש — אַזוי קליין, אַזוי קליין? — — —

ווער.

ווער האט עס געקלאפּט אַזוי שפּעט אין מיין טיר
און ווער האט מיין פענסטער געעפענט,
ווער האט עס א פייער געצונדען אין הויז
און ווער האט דערנאָך עס פאַרלאָשען;

ווער האט עס געשריען צו מיר אַזוי בייז:
שטיי אויף זעה די וועלט איז אין פלאַמען!
און ווער האט עס טייפליש אזוי זיך צעלאכט,
ווען איך בין פון בעט אויפגעשטאַנען;

ווער האט זיך דערנאך אַזוי ליבליך צעלאכט
און שטיל ווי אַ תפלה גע׳סוד׳ט,
און ווער האַט אַ ליד אַזוי האַרציג און זיס,
אַ ליד אַזאַ שיינע געזונגען;

ביזט עס געקומען צו מיר אַזוי שפּעט
און ביזט אויף מיין בעטעל געזעסען — —
טאָ ווער פון אונזביידען איז קראנק דאן געוועזן
און האט אין אַ טרייסט זיך גענויטיגט...

איך וועל פאהרען אין מיין שטעטעל.

איך וועל פאהרען אין מיין שטעטעל:
אין מיין אַלטע היימאַט שטעטעל,
וואו געשטאַנען איז מיין וויגל —
יענע קליינע קינדער בעטעל,
וואו געלעגען בין איך רוהיג
און געהערט דער מאַמעס לידעל;

מאַמעס לידעל, אָ ווי טייער,
איך דערמאן זיך די געפיהלען
ווי מיין מאַמע האָט געזונגען
מיט אַ נגון מיט אַ שטילען;

צו געזאגט האט יענע לידעל
מיר מיט ראָזשינקעס צו האַנדלען
און מיט טייטלען און מיט מאַנדלען
און צו באדען זיך אין ריינע
זילבער ווייסע וואַסער קוואַלען —
אָפּגענאַרט פאַרפאַלען;

איך וועל פאהרען אין מיין שטעטעל,
כ'וועל אריין אין יאַטקע געסעל
קויטיג, בלאָטיג, שמוציג פינסטער —
נאר געקאָכט האָט ווי אין אַ קעסעל

דאָרט געשטאַנען איז מיין באבע
מיט אַ קאָשעק מיט אַ שווערען
עפּעל, באַרנעס און צוטריגען —
און פול קנייטשען אויפ'ן שטערן;

און אַנטקעגען שרה באַשע
מיט אַ קאָשעק אויך פול סחורה —
אָנגעקוקט זיי בײדען האבען
זיך מיט צאָרן און מיט מורא;

און מיר אינגלאַך באָרוועס, נאַקעט
שטייען קוקען פון דערווייטען;
אַי געוואָלט האט זיך אַן עפּעל,
נאר געוועזען שווערע צייטען;

שווערע צייטען רק געוועזען —
ניט דער טאַטע ניט די מאַמע
האט קיין קאָפּיקע געגעבען —
ניט געהאַט מסתמא;

וויפיעל טעג זיינען פאַרלאָפען,
וויפיעל יארען, וויפיעל יארען — —
איך וועל פאהרען אין מיין שטעטעל,
איך וועל פאהרען, איך וועל פאהרען;

זאָל.

זאל גיין זיך דאס וועלטעל אַזוי ווי עס גייט
באַשאַפען פון גאט צי פון טייפעל!
די מאַסען זיי זאָלען זיך באָדען אין נויט,
און לוקסום — אַ קליינינקעס הייפעל;

רעגירען אַ קעניג עס זאָל אויף דער ערד
דורך גאָלד דורך ירושה דורך וואַפען
און וואָס איהם פארווילט זיך און וואָס איהם געפעלט
דאס הייליג זאל זיין פאר די שקלאַפען;

זאל הערשען דער שקר, דער אמת אין ד'רערד
זאָל ליגען צעהן איילען באַגראָבען
און בלאַנקען און פינקלען עס זאָל נור דער שווערד
און יושר קיין קיום זאָל האבען;

זאל פויזען דער מענש און ניט זוכען קיין גליק
און זאָל ער צו געטער זיך בוקען
איך וועל נור מיט עקעל איהם ווארפען א בליק
און וועל אין זיין זייט מעהר ניט קוקען.

און אפשר

און אפשר איז די וועלט ניט אזוי מיאוס
און אפשר איז דער מענש ניט אזוי קליין
און אפשר איז דאס לעבען ניט א קללה
נאר ס'דוכט זיך מיר — דאס דוכט זיך מיר אליין

טאָ זאָגט מיר וואו איך קען דעם מענש געפינען
טאָ זאגט מיר וואו עס ליגט אין וועלט איהר חן

איך וועל אהין מיט אימפעט האַסטיג לויפען
און צו פאַלען מיט קושען צו זיין ברוסט
און טאַנצען וועל איך איבער אלע גאַסען
און אָנפילען די לופט מיט פרייד און לוסט

נאר זאגט מיר ווי עס קען דער נס געשעהן
איך זאל אַ ריז, אַ ריז אין מענש דערזעהן

גליק

איך האָב געטרוימט פון גליק
פאַר יאָרען און פאַר יאָרען —
און טרוימענדיג איך האב
מיין גלויבען ניט פארלאָרען:

צום ווייטען האָריזאָנט
האָב איך מיין גליק געוועגט
און ס'האָט פון טיפען וויט
דאס גליק פאר מיר געבלענט;

אין נידעריגען טאָל
אין צער און טרויער אָפט —
האָב איך מיין טרוים געגלויבט
און האב אויף גליק געהאָפט;

ביז איינמאָל אין א נאכט
אַן אומבעקאַנטער האט
דאס גליק צו מיר געבראכט —
„אָט איז דיין זיסער טרוים" —
און האט זיך הויך צעלאַכט.

איך בין געווען בערוישט
א נישטיג קליינע צייט
און ניט געקענט פארשטיין
דאס לאכען וואס באדייט,

איצט וויים איך און פארשטיי
זיין לאכען און זיין קומען — —
ער האט דערביי מיין טרוים
מיין גלויבען צוגענומען...

און וואָס וועט שוין זיין...

און וואס וועט שוין זיין אַז דער נביא וועט קומען
און ברייגנען די טייערע בשורה?

די וועלט איז באַפרייט, עס יובעלט די ערד,
ניטאָ מעהר קיין הערשער קיין שקלאַפען,
שוין אויסגעהאקט אויך אַן אַקער פון שווערד,
פארניכטעט צערשטערט אַלע וואַפען;

א יעדערער וועט אין זיין וויינגארטען גיין
געניסען נאַטורס גרויסע וואונדער;
ווער ס'האָט דאָרט פארזייט א בוימעלע קליין,
באַקומט זיינע פרוכטען אַצינדער;

פון שנאה, פון האַס, פון ליידען און פיין —
קיין סימן פון דעם ניט פארבליבען — —
נאר זאָג מיר מיין קינד וואס פון מיר וועט דאן זיין
ווען דו וועסט אַן אַנדערען ליבען

די וועלט וועט זיך באָדען אין גליק און אין שיין,
נאר מיר וועט עס איינעם אויסמיידען;
צי וועט ניט מיין טרער דאַמאָלסט הייסער נאָך זיין
נאך שטאַרקער און טיפער מיין ליידען?...

נאָכ׳ן רעגען

אויסגעוויינט האט זיך דער הימעל,
אויסגעגאָסען זיינע טרערען,
איצטער וועט דעם אַלטען זיידען
אויפ׳ן הארצען גרינגער ווערען;

ס׳וועט דעם זיידען גרינגער ווערען,
וועלען מיר עס קינדער פיהלען
און אין נייע ליכט און שטראַהלען
וועלען מיר זיך קינדער שפּילען;

קומט זשע קינדער קומט זשע גיכער
לאָמיר פרייד און ליכט געניסען —
זעהט עס קומט אַ נייער וואָלקען
ס׳וועט אַ נייער רעגען גיסען.

איך וועל...

איך וועל זיך פארשפארען אין צימער אליין,
א וועלט זיך אַ נייע באַשאַפען
מיט מענשען מיט שטאַלצע און קרעפטיג און שיין
אָן הארען, אָן פריצים, אָן שקלאַפען;

און לעבען זיי וועלען די מענשען אין גליק
אין שלום און אחדות און טרייהייט
און קיינער וועט פרואווען און וואַגען וועט ניט
באַרויבען דעם אַנדערענס פרייהייט;

און קיינער וועט שמייכלען מיט קנעכטישען פיין
און קיינער צו קיינעם וועט קניען
אַ וועלט גאַר אַ נייע, א וועלט וועט עס זיין
וואו אייביג די ליבע וועט בליהען;

וואו אייביג וועט שפּראַצען און דופטען דאָס פעלד
ניט פילען דעם ווינטער דעם קאַלטען
אין ליבע און חן וועט זיך באַדען די וועלט, — — —
דאַ האָט מיין געדאַנק זיך פערהאַלטען.

עס טרעפט

דיין אָרעם ווערט פולער און שטאַרקער,
די מוסקלען דיינע ווערען גרעסער און האַרטער,—
דערפילסט אין זיך
די קראפט פון דיין איך
דיין ווילען דעם אייגענעם —
אָט דאַמאָלסט:
נעמסטו די פינגער די לאנגע די ביינערדיגע
אויסציהען אין זייער גאנצער לענג,
דערנאָך הויבסט זיי אָן
צונויפנעמען,
צונויפפלעכטען,
און איינקנוילען,
ביז די בלויע אָדערען פון דיין האַנד
שטרעקען ארויס,
די ביינער ווערען נאָך הארטער און שפיציגער —
און ווען פון אַלע פינף פינגער
פון דיין רעכטע האנד
ווערט איינס
אַ קראפטיגער קנויל
אַ שטאָלענער קנויל — —
דיין פויסט און דיין אויסדרוק
פון צאָרען.

ביינאַכט

וואָס־זשע הוזשעט דער ווינט
אַזוי שפּעט אין דער נאַכט,
און ער זיפצט און ער קרעכצט,
און ער וויינט און ער לאַכט,
און ער טרייסעלט מיין הויז,
אַט צופאַלט זי, מיר דאַכט?

בלאָדזשעט אימיצער וואו
אויפ'ן גאַס אַזוי שפּעט,
אָן אַ היים, אָן אַ בעט,
און ס'פאַרטראָגט ניט דער ווינט
פון דער וועלט אַזאַ זינד,
און ער האָט ניט קיין רוה?

אָדער טראָגט ער פון וויַיט
אויף די פליגלען פאַר מיר
אַ גרוס פון אַ פריינט,
אָדער פון איר,
וועלכע ליגט נאָך אַלץ טיף,
טיף אין הארצען ביי מיר?

װעלכע סודות ער װיל
מיר דערציילן, דער װינט,
אָדער לאַכט ער נאָר אױס
מײַנע טרױמען אַצינד,
װי ער האָט אױסגעלאַכט
מײַנע טרױמען אַלס קינד

אָ, דו נאַרישער װינט,
ס׳האָט קײן זינען דײַן שרעק:
מײַנע טרױמען פֿון גליק
זײַנען לאַנג שױן אַװעק;
אין דער פֿינסטערער נאַכט
האָב איך אױך ניט קײן רו,
און עס שטורעמט מײַן האַרץ
אָן אַ ציל, פּונקט װי דו.

איצט ווייס איך

דורך אָפּגרונדען טיפע פון הונגער און קעלט
מיט שטעכיגע דערנער באַצירט
דו האָסט מיר געוויזען דיין שאַפונג די וועלט
און האָסט מיר אין לעבען געפירט

מיט עקדישען, שלאַנגען און גיפטיגע הינד
דו האָסט אויפ׳ן וועג מיר בעקאַנט
אין זומפיגע בלאָטעס געשליידערט פון ווינט
דאָך האָב איך אַ מידער געשפּאַנט

געשפּאַנט מיט צושטאָכענע פינגער אין וועג
דעם חושך געטאַפּט מיט די הענט
געמיינט איך וועל דאָך אַמאָל קומען צום ברעג
וואס האט מיר פון וייטען געבלענט

איך האָב אויף דיין צוזאָג געוואַרט און געוואַרט
דיין נאָמען מיט עהרפורכט דערמאָנט
איצט ווייס איך דו האָסט מיר גענאַרט און גענאַרט
אַ שווינדעל איז דיין האַריזאָנט.

שרעק

אין נעבעל געדיכט
דו זעסט ניט דעם רוים,
דו זעסט ניט ניט קיין הויז,
דו זעסט ניט קיין בוים,
נור אויבען קוים קוים
דער לבנה׳ס געזיכט;

די לבנה און דו
און מער קיינער ניטאָ —
גייט אַוועק אַ מינוט,
קוקט דיר אוים אַ שעה;

נעמט ארום דיר אַ שרעק
און דו ווייסט ניט אַליין:
ווער קען שלעכטעס דיר טאָן
ווער קען ווארפען אַ שטיין?

די לבנה — זי אויך
ציטערט, שרעקט זיך ווי דו,
איר געזיכט אַזוי בלייך
זי האָט אויך ניט קיין רוה.

כ׳ליב צו בויען שלעסער

כ׳ליב צו בויען שלעסער,
שלעסער הויך און גרויס —
איך וועל אין זיי ניט וואוינען —
אַרט מיר ניט — איך ווייס:

אין די רייכסטע שלעסער
ריין פון גאלד געשניצט —
וואָלט איך גליק אויך זוכען,
זוכען פונקט ווי איצט...

גליק

איך האָב געזוכט עס איבעראַל:
ביים ברעג פון ים ביים וואַסערפאַל,
ביים הויכען באַרג און טיף אין טאָל —
און ניט געטראָפען עס צומאָל.

ביים ברעג פון ים האָב איך שפּאַצירט,
דער וואַסערפאַל האָט מיך גערירט,
דער הויכער באַרג האָט מיך ענטציקט —
נור קיינער האָט מיך ניט באַגליקט — —

איצטער ווייס איך ווער עס קען
שענקען מיר ס'געזוכטע גליק — —
וועט עס ליבסטע זאָג געשען,
אָדער כ'גיי צום ים צוריק.

מיין גאט

איך האב זיך אנומעלט באשלאָסען: איך מוז
דאָך ענדליך אַ גאָט זיך געפינען — —
צו אפּלעבען יארען ניט קענען דיין גאט,
צי האָט אַזאַ לעבען אַ זינען?

צו אפּלעבען יארען ניט קענען דיין גאט —
וואס טויג אַזאַ לעבען אָהן וויסען;
ניט קענען דיין גאט, זיך ניט קענען אליין —
ווי קענסטו פון לעבען געניסען;

דאן האב איך די געטער די אלטע צוערשט
איינציגווייז איבערגעקליבען:
דער האט נור א רגע געלעבט און דער — צוויי,
קיין איינער פון זיי ניט פארבליבען;

דער האָט נור אַ רגע געלעבט און דער—צוויי,
צי זיינען דאָס געטער געוועזען? —
ניט אייביג דאס לעבען איז דען פון א גאט?
איז גאט דען א שטערבליכעס וועזען?

ניין, אייביג דאס לעבען מוז זיין פון א גאט
און שטארק ווי א פעלזען זיין ווילען
און יעדען קאַפּריז זיינעם מוז מען זאַפאָרט
מיט מורא און ערפורכט ערפילען;

איך בין אויף מיין בעטעל געלעגען געקלערט:
צו האב איך קיין גאט גאר אין לעבען — —
ווען פלוצלינג איך האב טיף אין הארצען דערהערט
אן אומעט א בייזען זיך וועבען;

איך האָב איהם דערקענט גלייך דעם טייפעל פון נאַכט
ער קומט מיינע טרוימען אָפט שטערען;
ער האט מיינע טרוימען פיל מאָל אויסגעלאכט
און אָפט מאל געבראכט מיר צו טרערען;

און ס'האט זיך דער אומעט געוועבט און געוועבט,
אַלץ טיפער אין האַרצען צעשפּרייט זיך,
ביז ענדליך באַזיגט מיר אין גאנצען ער האט —
דער טייפעל ט'געלאַכט און געפריים זיך;

און ווען אפּגעטאָן האט שוין זיין ארבייט דער שלאַנג:
מיין הארץ מיר צעריסען צעעסען —
דאן איז אין מיין מח אריין א געדאנק —
צי איז ניט מיין גאָט דאָס געוועזען?...

ניט דער גאט פון ליבע

וואָס'זשע לאַכסטו אַזוי ציניש
דו פאַרפּירטע
פון דער ליבעס געטין?

אז דיין גראַציע און דיין שיינקייט
און דיין ברענענדיגע תאווה
וועלכע גאָט האָט דיר געגעבן
גאַנצע דורות אויפצוהאַלטען —
האָסטו פאַר אַ פּעים פאַרהאַנדעלט
און אין זומפּ פאַרוואַנדעלט
וואָס'זשע לאַכסטו אַזוי ציניש
פון דער ליבעס געטין? —

ס'איז אַן אַנדער גאָט געוועזן,
וועלכער האָט דיין גייסט און קערפּער
אויפ'ן מאַרק אַוועק געגעבן
ווי אַ סחורה
ווי אַ שפּילצייג
ווי אַ שקלאַפין —
און דו ראַנגעלסט זיך פון דאַמאָלס
אָהן קיין מיטלייד
אָהן רחמנות — —
ס'האָט דער גאָט מאַמאָן געטאָן עס.

זאג מיר

זאָג מיר, מאַמעניו ווער קלאַפּט עס
אין די לאדען אזוי שפּעט?
און אין קוימען, מאַמע, מאַמע
דאכט זיך עמיץ רעדט?

— ניט שרעק זיך מיין קינד,
דאס איז נור דער ווינט

זאָג מיר, מאַמעניו, צו ברענגט ער
אַ געדום פון ווייט?
און זיין וויינען און זיין לאכען
זאג מיר וואס באַדייט?

ניט פרעג עס מיין קינד
דאס דערציילט ניט דער ווינד

זאג מיר, מאַמעניו, וואס קומט ניט
פּאַפּאַ אַזוי לאנג ? — —
שוין געענדיגט די מלחמה —
כ'האָב געהערט אַ קלאַנג.

— דאס ווייס ניט דער ווינט
איך ווייס ניט מיין קינד

מיין אומעט

ווען האט ער צום ערשטען מאָל
מיין חדר'ל באַזוכט —
דאס ווייס איך ניט, געדענק איך ניט;
שוין לאנג, שוין לאנג, מיר דוכט:

ער האט נאָך אין מיין צימערל
געלעבט אַ לאַנגע צייט,
נאָך איידער ער איז עפענטליך
ארום מיט מיר אין שטרייט;

נון בין איך ניט קיין ציטריגער
צו לאָזען בויגען זיך —
מיט „לאָגיק" און מיט „רעכנונג"
קעמף איך געגען שטיך

און ווען איך פיהל ווי שוואַך עס איז
די קויל פון מיין געווער —
דאן רוף איך צו די „האָפנונג"
און צייטענווייז אַ טרער;

און דאָך קען איך באַזיגען ניט
איהם דעם גרויסען פיינט —
ער האָט אַ גוטען ווינקעלע
זיך אויסגעקליבען ס'שיינט;

א ווינקעל וואו ניט גרויכען קען
די קויל פון מיין געוועהר — —
אין הארצען טיף מיין אומעט ליגט
און מוטשעט אָן אַן אויפהער.

עס טרעפט אַמאָל

עס טרעפט אַמאָל:
דיין קערפּער טיילט זיך אָפּ פון דיר,
צי דו פון אים —
אזוי, אזוי
דו ווערסט אַ ריינער גייסט;
און מיט אַ שנעלקייט פון אַ בליץ
דו פליסט ארויף ארויף;
איין רגע — און דו ביזט אין וועלט
פון סודות׳דיקען בלוי;

ווערסט אויסגעמישט אין דורכזיכטיקען שטויב
ווערסט אויסגעטוישט אין גאַרנישטיקען ווייס,
ווערסט אויסגעשפּרייט אין חלל׳דיקען ווייט,
ווערסט קליין אזוי דאָך ריזיק גרויס,
ביזט ערגעץ ניט — און אומעטום
און נעמסט אַזוי די וועלט,
די גאנצע וועלט אַרום;

די וועלט איז איצט אין דיין רשות,
דו ביזט איר הערשער, ביזט איר גאָט;
דו קענסט אין אָפּגרונד וואַרפען איר
צו שיצען איר פון בייז;
דו קענסט איר געבען זונענשיין,
צי פינסטערניש;
דו קאָנסט איר טוליען ווי א קינד,
צו לאָזען פריי דעם ווינט

פארניכטען איר אין א מינוט;
דו קענסט... דו קענסט: —
נאַר, איידער וואָס און ווען,
דו כאַפּסט זיך פונ׳ם דרימעל אויף —
דו ביזט צוריק אין קערפּער
איינגעקלאַמט
איז: ...
אויב דיין ווייב לעם דיר איז איצט פאַראַן,
און וואַרימקייט אין הויז איז דאַ,
און ליכט און שיין,
און פונדערווייטענס שפּירסטו גוט
דעם ריח פון געבראַטען פלייש,
צי שטאַרקען וויין, —
דאַן ביזטו גליקלאַך, וואָס דו האָסט
ניט די וועלט צעשטערט
ווען דו האָסט עס געקענט
און זאָגסט צו זיך אַליין:
ווי קלוג! ווי קלוג!
נאַר אויב דיין ווייב לעם דיר איז איצט ניטאָ,
דיין צימער קאַלט און אָנגעפילט
מיט אומעט און מיט צער —
דו בייסט די ליפּען דיינע טיפער איין
פאַר וויטאָג און פאַרדרוס,
וואָס דו האָסט ניט די וועלט צושטערט,
ווען דו האָסט עס געקענט
און שרייסט צו זיך אַליין:
דו נאַר! דו גרויסער נאַר.

ערגעץ שטייט אַ בוים

ערגעץ שטייט אַ בוים:
אין אַ וואַלד אַ טיפֿען צווישען
ביימער אַנדערע,
צי אין אַ פּאַרק אַ שטאָטישען,
אָדער גאָר אויף אַ פֿעלד
אַן איינזאַמער,
צי אין אַ זומפּ אַ בלאָטיגען —
ערגעץ שטייט א בוים
און וואַרט
אויף זיין אמת'ן באַרוף אין לעבען.

איצטער טראָגען זיינע צווייגען
עפּעל זאַפטיגע,
וויינשעל רויטע, וויינינגע,
אָדער בלעטער שפּיציגע,
וואָס שפּרייטען א ריח א היילענדען
פֿאַר קראַנקע לונגען —
אָבער דאָס איז ניט
זיין אמת'ער
באַרוף אין לעבען,
זיין ציל, דער ענדליכער;

איצטער דינט ער פֿאַר א נעסט
אַ זיכערען

דעם פויגעל דעם לוסטיגען
און די קינדערלאך זיינע;
איצטער שפרייט ער אַ שאָטען
אַ לינדערען
פּאָר שוואַכע און מידע —
אָבער
דאָס איז ניט זיין אמת'ער
באַרוף אין לעבען,
זיין ציל דער ענדלאכער.

אַז דער בוים וועט אַלט ווערען,
אָדער
דעם מענש וועט זיך דוכטען
דער בוים איז אַלט געווארען
און וועט אים אויסהאַקען —
דאַמאָלסט,
דאַמאָלסט וועט דער בוים
זיך דערנענטרן
צו זיין ציל דעם ענדלאכען
דעם אויביקן.

ס'וועט דאַמאָלסט דער מענטש
מיט אַ האַק אַ שאַרפען
זיינע צווייגען אָפּהאַקען
און אָוועקוואַרפען,
די וואָרצלען די טיפע
פון דער ערד ארויסרייסען

און אַוועקוואַרפֿען
און דעם שטאָם דער פֿאַרבליבענעם
דעם קערפּער דעם מעכטיגען
וועט דער מענטש דאַן באַטראַכטען.
דערנאָך וועט ער נעמען
שטיקער פֿינף פֿוסיגע
און אָפּזעגען
שטיקער פֿינף פֿוסיגע
און אָפּזעגען,
דערנאָך וועט ער די שטיקער
אין צווייען, אין דרייען
צעשפּאַלטען;
און נאָכדעם
ווי ער וועט די ברעטער די דינע
צענויפקלאַפּען
און אויספּוצען —
וועט פֿאַרטיג זיין
א טרונע א לייטישע —

מיין אויביגע היים,
מיין אויביגע היים

ערגעץ שטייט אַ בוים
און וואַרט
אויף זיין אמת'ן באַרוף אין לעבען.

דער צוויבער קרייז

ס'ווילט זיך ליבען — האסט ניט וועמען;
ס'ווילט זיך גלויבען — האָסט ניט וואס;
האָפען? — אַ דאס דארף מען קענען —
ס'איז קיין קליינינגקייט אָט דאס;

און האָסען האָט קיין זין ניט —
ווייסט ניט ווער ז'דיין פיינט;
און צו טרייסטען קען דיר קיינער —
האָסט אַרום קיין פריינט;

לעבען קענסט ניט ווייל עס פעלט דיר
צו דעם לעבען אויף דער ערד
און צו שטארבען האָסט קיין מוט ניט —
מוזט געבאָרען זיין אַ העלד...

די געפאלענע

ווייל זי האָט אויך געליבט
און געליבט אזוי היים
— איהרע ליידען דערפאַר
אַזוי ביטער און גרוים;

ווייל זי האָט אויך געליבט —
גייט זי אום יעצט אין גאַם
איהרע אויגען — אָן ליכט
איהר געזיכט — אזוי בלאַם.

זי איז אַמאָל יונג
— און שיין אויך געווען
ווייל זי האָט אויך געליבט
איז אזוי עם געשען;

וואנדערט אום זי אין גאַם;
יעדער וואַרפט איהר אַ שטיין;
— זי וואַרפט קיינעם צוריק
ווייל זי האַסט זיך אַליין.